# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:56
מוצאי שב"ק....................6:28

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............................ דניאל ג –ד
בבלי...................... בבא קמא צ"ג
ירושלמי.................... שבת נ"ב
תוספתא...................... יבמות ז'
רמב"ם........ מאכלות אסורות ו'


פרשת יתרו, כ"ד שבט, שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 18 (637)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי, אֱלֹקֵי כֶסֶף וֵאלֹקֵי זָהָב, לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם** (שְׁמוֹת כ, יט). עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ וָואס הַרְגְ'עט אָפּ אַ מֶענְטְשׁ מֶער פוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כג), אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קֶען מֶען שׁוֹין מִיט אִים מֶער נִישְׁט רֶעדְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה), אַז מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם גִּבּוֹר אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין נָאר נִישְׁט פוּן תַּאֲוַות מָמוֹן, אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קֶען עֶר פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן. פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קִדּוּשִׁין, הֲלָכָה ג, ג-ה): מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועןן דֶער עִיקָר קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן תַּאֲוות נִיאוּף, אוּן דָא זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין נָאר נִישְׁט פוּן תַּאֲוֹת מָמוֹן, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף?! אִיז עֶר מַסְבִּיר, חָלִילָה וְחַס אַז אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ אִין נִיאוּף דָאס בְּרֶענְגְט אִים נָאכְדֶעם אַז זַיין גַאנְצֶער קָאפּ לִיגְט שׁוֹין נָאר אִין גֶעלְט, עֶר פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר מַאכְט אַ גַאנְצֶער גָא-ט פוּן גֶעלְט, דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען שׁוֹין מִיט אִים מֶער נִישְׁט רֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט יִרְאַת שָׁמַיִם, לֵיידֶער זֶעט מֶען מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט וֶוערְן זֵיי אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן אוּן מְשׁוּגָע, דָאס בִּיסְל גֶעלְט הַרְגְ'עט זֵיי אָפּ, אוּן עֶס פַארְשְׁטֶעלְט פוּן זֵיי אִינְגַאנְצְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קלג).

אֱמֶת חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה, מִשְׁפָּטִים לא, יד): אַז מֶען זָאל לֵייגְן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף אֵיין וָואגְשָׁאל אוּן אָרֶעמְקֵייט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואגְשָׁאל וֶועט דִי וָואגְשָׁאל פוּן אָרֶעמְקֵייט אַרָאפּ וֶועגְן. אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָרֶעמְקֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן פִּירְט דָאס אִים אַרָאפּ פוּן זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן פוּן בַּאשֶׁעפֶער (עֵירוּבִין מא, ע"ב). דָאךְ טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן פוּן גֶעלְט קַיין אָפְּגָאט אוּן קַיין תַּכְלִית.

דָאס בֶּעט דֶער בַּאשֶׁעפֶער: **לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי, אֱלֹקֵי כֶסֶף וֵאלֹקֵי זָהָב, לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם** – מַאכְט נִישְׁט פוּן מִיר קַיין גָאט פוּן זִילְבֶּער אוּן קַיין גָאט פוּן גָאלְד זָאלְט אִיר נִישְׁט מַאכְן פַאר אַייךְ. דָא שְׁטֵייט צְוֵויי זַאכְן, קוֹדֶם בֶּעט זִיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט נִישְׁט פוּן "מִיר" קַיין גָאט פוּן גֶעלְט זִילְבֶּער אָדֶער גָאלְד, ווִידֶערְאוּם בֶּעט זִיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט נִישְׁט דִי גָאלְד אוּן זִילְבֶּער "פַאר עֶנְק" פַאר אַ גָאט, מַאכְט נִישְׁט פוּן גֶעלְט קַיין אָפְּגָאט, עֶס אִיז דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז דֶער גָא-ט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פָּסוּק וָואס יִתְרוֹ הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה (שְׁמוֹת יח, כא): **וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם** – מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל אוֹיסְוֶועלְן צְוִוישְׁן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, **אַנְשֵׁי חַיִל** - שְׁטַארְקֶע אוּן רַייכֶע מֶענְטְשְׁן, **יִרְאֵי אֱלֹקִים** - מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אַנְשֵׁי אֱמֶת** – אֱמֶת'ע מֶענְטְשְׁן, **שׂוֹנְאֵי בָצַע** - מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פַיינְט גֶעלְט. מֶען טְרֶעפְט דָא פִיר מַדְרֵיגוֹת מֶענְטְשְׁן, וַוייטֶער זָאגְט דֶער פָּסוּק: **וְשַׂמְתָּ עֲלֵיהֶם** – אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיפְלֵייגְן, **שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת שָׂרֵי חֲמִשִּׁים שָׂרֵי עֲשָׂרוֹת** – הַארְן אוֹיף טוֹיזֶענְטֶער, אוֹיף הוּנְדֶערְטֶער, אוֹיף פוּפְצִיגֶער, אוּן אוֹיף צֶענְדְלִיגֶער. דָא טְרֶעפְט מֶען וַוייטֶער פִיר מַדְרֵיגוֹת, הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט אַז דָאס גֵייט צוּזַאמֶען, דִי פִיר אַקֶעגְן דִי פִיר, 'אַנְשֵׁי חַיִל' מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען רַייכֶע גִּבּוֹרִים אוּן דַארְפְן נִישְׁט קֵיינֶעם חַנְפֶנֶ'עןְ, קֶען מֶען נָאךְ פוּן דֶעם טְרֶעפְן טוֹיזֶענְטֶער, 'יִרְאֵי אֱלֹקִים' מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שׁוֹין נָאר דָא הוּנְדֶערְטֶער, 'אַנְשֵׁי אֱמֶת' זֶענֶען שׁוֹין נָאר דָא פוּפְצִיג, 'שׂוֹנְאֵי בָצַע' אֵיינֶער וָואס זָאל פַיינְט הָאבְּן גֶעלְט אִיז שׁוֹין דָא דֶערְפוּן נָאר גָאר אַ קְלֵיינֶער צָאל, שָׂרֵי עֲשָׂרוֹת, הַארְן פַאר בְּלוֹיז צֶען מֶענְטְשְׁן.

דֶערְפַאר קֶענֶען מִיר נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִין אוּנְזֶער נִידְרִיגְן דוֹר הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס גֶעבְּט אוּנְז דִי מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ


<<<<<<


## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זֵיי מִיר מוֹחֵל

מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ם, וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן מִיט'ן מוֹיל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן דִיר צוּ דֶערְצֶערְעֶנֶען, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת וִויל מֶען זַיין וואוֹיל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אַז אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרָאפְּבֵייגְן דֶעם קָאפּ פַאר אִים אוּן זָאגְן


<<<<<<


## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עב): מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טְרַייבְּט אִיבֶּער אוּן מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער פוּן דִי מָאס, מֶער וִויפִיל מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת יט, כא): "רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה' לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב", גֵיי זָאג דִי אִידְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם בַּארְג; וַוייל דִי אִידְן זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה הָאט מֶען זֵיי גֶעדַארְפְט זָאגְן זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְצוּרַייסְן, נִישְׁט טוּן מֶער פוּן דִי מָאס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשפ"א)



דער מולד וועט זיין: פרייטאג ביינאכט 29 מינוט און 5 חלקים נאך 9 | ראש חודש אדר א' יהיה ביום השישי ולמחרתו ביום השב"ק

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶערְבִּיטֶערְט, דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא.

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ אַז דוּ גֶעדֶענְקְסְט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וַוייל מִיט אֵיין גוּט וָוארְט קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ מְחַיֶּה זַיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קיא:): אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן "טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁינַּיִם לַחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב", וֶוען מֶען גֶעבְּט פַאר אַ חַבֶר אַ שְׁמֵייכְל אִיז דָאס אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים צוּ טְרִינְקֶען אַ גְלֶעזְל מִילְךְ; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ, וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אִיז עֶס מֶער וֶוערְד וִוי אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "כָּל אָדָם מְצֻיָּר בְּזִיו פָּנָיו גַּן עֵדֶן שֶׁלּוֹ", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִים אוֹיסְגֶעמָאלְן אוֹיף זַיין פָּנִים זַיין גַן עֵדֶן; מֶען זֶעט אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין גַן עֵדֶן צִי עֶר אִיז אִין גֵיהִנּוֹם. אוֹיבּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ, עֶר גֵייט אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אִין גַן עֵדֶן, אוֹיבּ הָאט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע פָּנִים, עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים, אָן קֵיין שְׁמֵייכְל, זֶעט מֶען גְלַייךְ וָואסֶערֶע גַן עֵדֶן עֵר הָאט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כג): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶערְבִּיטֶערְט, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן זַיין פָּנִים אִיז אִים פַארְטִינְקְלְט, דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא. זֵיי מַאכְן דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַנְפִּין חֲשׁוּכִין, אַ טִינְקֶעלֶע פָּנִים, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (שְׁמוֹת כ, ב): "לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי".

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים; בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ. פַאר דוּ קוּמְסְט אַהֵיים, נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְרִישְׁן וְכוּ', נֶעם זִיךְ צוּזַאם אוּן גֵיי אַהֵיים צוּ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן גֶעדֶענְק צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דְיַין וַוייבּ. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "דָאס לֶעבְּן אִיז וִוי אַ שְׁפִּיגֶל, אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ צְוֵוייטְן, וֶועט מֶען דִיר צוּרִיק וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל, אָבֶער אוֹיבּ גֵייט מֶען אַרוּם דֶערְבִּיטֶערְט, וֶועט קֵיינֶער דִיר נִישְׁט וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל.

לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים; דַיינֶע חֲבֵרִים דַארְפְן דִיר נָאר וִוי לַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה וְכוּ', דִי רֶגַע וָואס זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן פוּן דִיר קֵיין נוּצְן, וֶועט מֶען דִיר וַוארְפְן אוֹיפְן בּוֹידֶעם, קֵיינֶער וֶועט אוֹיף דִיר נִישְׁט קוּקְן. פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֶעבְּן דַיינֶע טֶעג אוּן נֶעכְט פַאר זֵיי? עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אַהֵיים, פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֶעלְף דַיין וַוייבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער וְכוּ', לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, לֶערְן זֵיי אוֹיס אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכוּ', דָאס וֶועט מִיט דִיר בְּלַייבְּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עצתו אמונה וַיֵּשֶׁב תשע"ח)

>>>>>>

אַז עֶר וִויל זַיין גוּט. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי חֲזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פֶּרֶק כ"ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוערְטֶער. עֶר וִויל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים שׁוֹין מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אָבֶער אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר אֵייבִּיג דִי וִדּוּי בַּיים דַאוֶוענֶען לוֹיט דִי א' ב' – אָ'שַׁמְנוּ בָּ'גַדְנוּ גָּ'זַלְנוּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי דִי לַאנְגֶע "עַל חֵטְא'ס" גֵייט עֶס אוֹיךְ לוֹיט דִי א' ב'. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען נוּצְט דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיף זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, מִיט דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

אוּן דֶערִיבֶּער, וַוייל דָאס זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט אַזוֹיפִיל פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אַזוֹי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין יֶעדְן טָאג בַּיי תַּחֲנוּן, אוּן טֵייל זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן "שְׁמַע קוֹלֵנוּ", אוֹיךְ דִי וָואס זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זֶענֶען זִיךְ דָארְט נָאכְאַמָאל מִתְוַדֶּה.

דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶער קָאפּ אוֹיפְ'ן פְלַאץ, אוּן עֶר טְרַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּ אִים, אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

## אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִיז דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאךְ נִישְׁט אֱמֶת'דִיג וָואס עֶר זָאגְט. עֶר זָאגְט טַאקֶע פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, אוּן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אֵייבִּיג זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר גוּט. עֶר וֵוייסְט דָאךְ אָבֶער טִיף אִין הַארְץ דֶעם אֱמֶת אַז עֶר זָאגְט דָאס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת'דִיג אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן עֶס נוּצְט אוֹיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְעָם, זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כב, לד) "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי" - בִּלְעָם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מַלְאָךְ אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹדֶה אוּן מִתְוַדֶּה אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ', ל"ו) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן זָאגְט "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", דַאן קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא רָשָׁע וִוי בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט זִיכֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן; וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן צוּ זַיין אַזוֹי וִוי בִּלְעָם, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס צוּ אִים.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט זָאגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן אֱמֶת אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועלְן אָבֶער דִי וֶוערְטֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֵיין מֶער אוּן מֶער אִין זַיין הַארְץ, בִּיז עֶר וֶועט עֶס טַאקֶע יָא זָאגְן מִיט אַן אֱמֶת. עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן וואוֹיל אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ וִדּוּי)

נייעס <<<<<<

חילוק ביי א מענטש צי עס איז אים לעכטיג עס גייט אים גוט, אדער פארקערט, ער זאל אייביג זיין צופרידן, אזוי ווי די מעשה גייט ווייטער אז די לבנה האט געזאגט פארן זון "וואס זארגסטו פרעמעד זארגן", דערנאך האט דער ראש ישיבה ממשיך געווען איבער שלום בית ווי וויכטיג עס איז אז עס זאל זיין שלום אין שטוב מען זאל קענען זיין אן ערליכער איד.

ביים סעודה שבת אינדערפרי האט דער דיין שליט"א אויפגעטרעטן, און גערעדט איבער די קדושה פון יוסף הצדיק ווי ער האט זיך דערהאלטן מיט אלע נסיונות אין מצרים, און זיך אויפגשטעלט נאך יעדע דורכפאל. נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט צו די קינדער ביי חברת תהלים, און זיי פארציילט די מעשה ווי דער רבי האט געבעטן זיין אייניקל זאל מתפלל זיין אויף זיין געזונט, און דער רבי האט זייער מפליא געווען די פשוטע תפלה פונעם קינד "רבונו של עולם לאז מיין זיידע זיין געזונט".

אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט איבער די חשיבות פון יעדע קליינע זאך וואס א איד טוט היינטיגע צייטן, ווי דער הייליגער אריז"ל האט געזאגט פאר זיין תלמיד רבי חיים וויטאל ז"ע אז אין עקבתא דמשיחה וועט מען נישט דארפן קיין תעניתים און סיגופים נאר יעדע קליינע זאך וועט מאכן גרויסע תיקונים, אזוי אויך האט דער רבי געזאגט אז עס וועט נאך קומען א טאג וואס א פשוטע איד וועט זיין א חידוש ווי דער בעל שם טוב ז"ע, און מוהרא"ש ז"ע האט געזאגט אז דאס גייט ארויף אויפן היינטיגן דור.

נאך הבדלה איז פארגעקומען דער סדר אבות ובנים און די עסקנים האבן דערווייל צוגעגרייט דעם בית המדרש צום הכנסת ספר תורה, דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט די לעצטע אותיות אינעם ספר תורה, און מען האט אנגעהויבן צו זינגען ווארימע ניגונים, דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה אויפגעשטעלט מיטן ספר תורה און אנגעהויבן טאנצן מיטן גאנצן ציבור, יעדער האט זיך געפרייט אז זיי האבן א חלק אין די תורה, יעדער האט א וועג וויאזוי אויך ער קען לערנען תורה, מען דארף נישט פארשטיין, ווי דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן, אז מען דארף נישט מער פון זאגן די ווערטער ווען מען לערנט.

דערנאך האט מען זיך געוואשן צום מלוה מלכה צום יארצייט פון מרן מוהרא"ש ז"ע און לכבוד דעם נייעם ספר תורה, עטליכע אינגע בחורים תלמידי היכל הקודש האבן מסיים געווען גאנץ ש"ס ביים סעודה, אויך האט מען געהערט דרשות פון מו"ה ישראל דוד העסקל הי"ו, פון מו"ה שבתי מארקוס הי"ו וואס האט זיך אוועקגעגעבן פאר די ספר תורה בלב ונפש, פון מו"ה יואל לעווי הי"ו גבאי היכל הקודש בני ברק, און פון מו"ה אהרן פיש הי"ו וואס איז געשטאנען בראש פונעם אנשי חיל קאמפיין מיט גרויס געטריישאפט.

דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן הייליגע ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט צווישן אנדערע געזאגט אז מען האט געשריבן א ספר תורה לע"נ מוהרא"ש ז"ע, וואס איז זייער פאסיג, ווייל מוהרא"ש פלעגט זאגן, אז סוף כל סוף דארף יעדער אוועקגיין פון דער וועלט, דער וואס פאלגט דעם רבין ער האט זוכה געווען דורכצוגיין ש"ס נ"ך פוסקים און אזוי ווייטער, וועט מען דאן טראגן א ספר תורה אינעם ארון, אבער דער וואס וויל פארשטיין צי מען האט יא געהאלטן דערפון צי נישט, הייסט עס לערנען אדער נישט, גייען נעבעך דורך זיינע יארן פוסט און לער, און דאן וועט מען נעבעך פירן א נבילה אינעם ארון...

דער ציבור איז ארויס פונעם שבת מיט גרויס חיזוק, מען האט זיך פריש פארגענומען צו פאלגן דעם רבין, מאכן יעדן טאג התבודדות, לערנען תורה, מאכן הפצה פארשפרייטן די זיסע עצות אויף דער וועלט, וואס ראטעווער בוכשטעבליך יעדן טאג צענדליגע שטובער מיט שלום בית און חינוך און אזוי ווייטער.

**תורת ד' תמימה משיבת נפש.**




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִידִישְׁקֵייט?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד. רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט, אָבֶער לֵיידֶער אַרְבֶּעט דָאס נִישְׁט בַּיי מִיר, אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶער גְלִיק דֶערְפוּן. אֶפְשֶׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ** יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דֶעם בְּרִיוו.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיטְ'ן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער. מִיר זֶעעֶן זֵייעֶר גוּט וָואס גוֹיִם זֶענֶען; דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק אִיז אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיינֶע שֶׁעפֶּעלֶע צְווִישְׁן זִיבֶּעצִיג וֶועלְף אוּן מִיר וֵוייסְן דָאךְ וָואס דִי זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער - פַארְצִיקְנְדֶע חַיוֹת - הָאבְּן גֶעטוּן דוּרְכְאוֹיס דִי אַלֶע יָארְן פַאר דָאס קְלֵיינֶע שֶׁעפֶּעלֶע - נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס אַז זֵיי ווִילְן נָאר 'שָׁלוֹם' אוּן זֵייעֶר וֶועג אִיז 'אַהֲבָה', אָבֶער שׁוֹין צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר וָואס זֵיי הַרְגֶ'נֶען אוּנְז אִידְן מִיט אַלֶע מִיתוֹת מְשׁוּנוֹתֶ סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג אוּן חֶנֶק, אַלֶעס מִיטְ'ן פַאלְשְׁן פָּנִים מִיט וָואס זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער אַז זֵייעֶר וֶועג אִיז צוּ גֵיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

וֶוער הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט אוּן גֶעלֵיינְט וָואס דִי עֲמָלֵקִים - דִי דַייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם - הָאבְּן גֶעטוּן מִיט מִילְיָאנֶען אִידְן; זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן ..מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן גֶע'הַרְגֶ'ט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה, אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'ט בִּשְׁעַת אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִירֶעקְט גֶעהָאלְפְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִיטְאַמָאל דָא אַ סְכוּם וְויִפִיל מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רוּסְן - דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע קַאמוּנִיסְטְן - הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'ט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן!

מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן, אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט מְסוּגָל צוּ טוּן אַזֶעלְכֶע רְצִיחוֹת; מִיר זֶענֶען אַן אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פָאלְק, אַ פָאלְק פוּן רַחֲמָנוּת אוּן אַ פָאלְק וָואס טוּט חֶסֶד. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת עט.): "שְׁלֹשָׁה סִימָנִים יֵשׁ בְּאוּמָה זוּ", דְרֵיי סִימָנִים זֶענֶען דָא בַּיי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, - "הָרַחְמָנִים, וְהַבַּיישָׁנִין וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים", אִידְן הָאבְּן רַחֲמָנוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים יג, יח): "וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעבְּן רַחֲמָנוּת; אִידְן שֶׁעמֶען זִיךְ, זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ דִי מִדָה פוּן בּוּשָׁה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כ, יז): "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם", אוּן אִידְן הָאבְּן דִי מִדָה פוּן טוּן חֶסֶד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יח, יט): "לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ" וְגוֹ'; מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן.

מוֹהַרְא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַרְבֶּעטְס לַאגֶערְ'ן אוּנְטֶער דִי רוֹצְחִים - דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, הָאבְּן זֵיי אֵיין תְּקוּפָה גֶעאַרְבֶּעט עֲבוֹדַת הַפֶּרֶךְ אִין דִי וַוארְשָׁא גֶעטָאוֹ, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט בּוֹיעֶן אַ וַואנְט. דִי בְּרוּטַאלֶע נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטֶע בִּיקְסְן אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט פְלַייסִיג הָאבְּן זֵיי דֶערְשָׁאסְן צוּם טוֹיט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אֵיין טָאג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן אַזוֹי אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט וַוייל דִי רֶעגְן הָאט אָפְּגֶעוֶוישְׁט דִי לֵיים (צֶעמֶענְט), דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידְן הָאבְּן גֶעלֵייגְט סֶעמֶענְט אוּן דִי רֶעגְן הָאט דָאס אָפְּגֶעוַואשְׁן; עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער קַאלְט אוּן דִי אִידְן זֶענֶען גֶעפַאלְן פוּן דִי כּוֹחוֹת בְּשָׁעַת דִי נַאצִיס שְׁטֵייעֶן אוּן לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער פוּן דִי אִידְן, נֶעבְּן דֶעם קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רֶבִּי זִי"ע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ פְרַייעֶר אִיד וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט אִינֶעם גָאס רֶעגְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מִיט גֶעשְׁפֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, מָארְגְן וֶועט אִיר נָאךְ אַלְץ מַאכְן דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי?" מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן: 'וָואס הָאבְּן מִיר אַז מִיר זֶענֶען אִידְן? וָואס אִיז דִי שִׂמְחָה מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' אַז מֶען פַּיינִיגְט אוּנְז?' הָאט דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב גֶעזָאגְט: "מָארְגְן וֶועל אִיךְ מַאכְן דִי בְּרָכָה מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה וִוי פְרִיעֶר, זֶעעֶנְדִיג וָואס גוֹיִם זֶענֶען מְסוּגָל צוּ טוּן; נֶעמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג פָאלְק אוּן אוּנְז אַזוֹי רַצְחְ'נֶען אוּן פַּיינִיגְן מִיט דָאס גְרֶעסְטֶע פַּיינִיגוּנְגֶען וָואס אַ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן, מִיט דֶעם אַלֵיינְס פְרֵיי אִיךְ מִיר, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ גּוֹי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת; מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז נֶעמֶען צוּרִיק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִקְרָא תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< א ווארט אויף די פרשה

'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אוּן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, וֶוער דַארְף דֶען נִישְׁט עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה? יֶעדֶער פוּן אוּנְז קֶען רוּאִיג נוּצְן אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת אִין לֶעבְּן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן צוּ קֶענֶען פּוֹעֵל'ן אַ יְשׁוּעָה, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אוּן שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס, אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַוֶועק פוּנֶעף מִינוּט צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶער יְשׁוּעָה, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער קוֹדֶם בַּאקוּמְט מֶען אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַעַת, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן וָואס טוּ אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית דָא, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז"ל: דוּ רֶעדְסְט דָאךְ יָא מִיט מֶענְטְשְׁן גֵיי פְרֶעג זֵיי וָואס! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעצוֹיגְן דָאס וָוארְט וָואאאס... וִוי אֵיינֶער זָאגְט, נָאךְ אַלֶע תֵּירוּצִים וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אָבֶער וָואס וֶועט דָאךְ זַיין דֶער תַּכְלִית, מֶען וֶועט דָאךְ סַיי וִוי מוּזְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶּער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רפו).

אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער בַּאקוּמְט עֶר שׁוֹין אַן אַנְדֶערְן מֹחַ אוּן אַן אַנְדֶערְן שֵׂכֶל, קוֹדֶם כָּל מִישְׁט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט בַּיי אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶסִירְט צוּ הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם צוּטוּן, עֶס אִינְטֶערֶסִירְט אִים נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט עֶר ווִיל נָאר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז דָאךְ נָאר דִי רַייבֶּערֵייעֶן אוּן סִכְסוּכִים וָואס אִיז פַארְהַאן צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן אַלֵיין, אַז אֲפִילוּ צְוִוישְׁן זִיךְ קֶען מֶען זִיךְ נֶעבֶּעךְ נִישְׁט פַארְאֵיינִיגְן, יֶעדֶער ווִיל נָאר אַיינְשְׁלִינְגְן דֶעם אַנְדֶערְן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער גָלוּת, אָבֶער אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶס פַאלְט אַוֶועק דִי אַלֶע פַאלְשֶׁע מַחֲלֹקֶת, נָאכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַ יִשּׁוּב הַדַעַת אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְמָרָא אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען אַן אַנְדֶערְן אוֹיסְקוּק אִין לֶעבְּן, אָבֶער הָאט נִישְׁט מוֹרָא, נִישְׁט נָאר אִין אִידִישְׁקֵייט טוֹישְׁט זִיךְ דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אַז גֶעלְט וֶוערְט אוֹיךְ, אַז מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אוּן מֶען אִיז נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אִיז גֶעלְט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, דָארְטְן אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ גֶעלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (חַגַּי ב, ח): לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאוּם ה' - בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

(קוּנְטְרֵס פֶּעלְזְן פֶּעסְט, יִתְרוֹ תשע"ד)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע ביים שבת הוועדות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין די קעטסקילס

פארגאנגענעם שבת בשלח שירה העעל"ט זענען זיך צוזאם געקומען הונדערטער תלמידים פון מוהרא"ש זי"ע וואס האבן אנטייל גענומען אינעם אנשי חיל קאמפיין פארגאנגענעם זומער, צו א הערליכע שבת התוועדות מיט'ן ראש ישיבה אינעם ראלי האטעל אין סאוט פאלסבורג, גאנץ נאנט צום ברסלב שטעטל, און מוצאי שבת קודש זענען געקומען צו פארן נאך הונדערטער אינגעלייט זיך צו באטייליגן ביי הכנסת ספר תורה וואס איז פארגעקומען אינעם בית המדרש פונעם האטעל. דער ספר תורה איז געשריבן געווארן לע"נ פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע, און דערנאך איז אפגעראכטן געווארן א סעודות הילולא און א סעודת מצוה לגמרה של תורה.

פרייטאג צו נאכטס נאך מנחה, איז דער ראש ישיבה ארויף אויפן ארון הקודש, און גערעדט עטליכע ווערטער אנצואווארימען די הערצער צום גרויס בעפארשטייענדן יארצייט, און האט געזאגט אז ביים רבי'ן האבן די תלמידים אמאל גערעדט איבער די גרויסע הילולא די חתונה וואס קומט פאר אין מירון אום ל"ג בעומר, האט זיך דער רבי אנגערופן אז עס איז אמת אז עס הערשט דארט א גרויסע שמחה, די חתונה ווערט דארט אפגעראכטן, אבער דער חתן געפונט זיך דא,

דער ראש ישיבה האט עס מסביר געווען, אז ווילאנג א צדיק איז אויף דער וועלט איז א גאנצער עסק וואו זיין גוף געפונט זיך, אבער נאכדעם וואס די נשמה פארלאזט דער גוף, געפונט זיך דער צדיק דארט וואו מען רעדט פון זיינע עצות, און מען פאלגט אים, דערפאר געפונט זיך רשב"י אין אומאן, ווייל דארט לערנט מען זיין תורה, דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "מוהרא"ש געפונט זיך דא מיט אונז, ווייל דא זאגט מען איבער זיינע ווערטער, און דא פאלגט מען אים, אלע לערנען אויף זיין דרך הלימוד, איבער וואס ער האט אזויפיל גערעדט דערפון."

ביים באטע פרייטאג צו נאכטס האט דער ראש ישיבה גערעדט עטליכע מאל, און אינצווישן האט מען געזונגען ווארימע ניגונים און די זמירות פון שבת קודש, דער ראש ישיבה האט אסאך גערעדט פון אמונה און מחזק געווען דעם ציבור, צווישן אנדערע האט ער געזאגט, עס שטייט "ויהי בשלח פרעה את העם", עס איז באקאנט אז "אין ויהי אלא לשון צער", האט דער ראש ישיבה געפרעגט וואס איז די ווייטאג אז אידן גייען ארויס פון מצרים?

האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז די גרעסטע ווייטאג איז אז מיר טראכטן אז פרעה לאזט ארויס די אידן פון מצרים, א מענטש טראכט, דער וועט מיר העלפן, יענער וועט שתדלן פאר מיר; נישטא קיין גרעסערע ווייטאג ווי א מענטש פארגעסט פון בעטן דעם אויבערשטן, עס ווערט נעבעך "נבוכים הם בארץ", מען בלאנדזשעט, ווייל "סגר עליהם המדבר" די מויל די מדבר איז פארשפארט.

נאכן באטע איז פארגעקומען א אינטערעסאנטע פאנעל ווי מען האט געקענט פרעגן דעם ראש ישיבה אלע סארטן שאלות, און דער ראש ישיבה שליט"א האט יעדעם געענטפערט א קלארע תשובה, אנגעזאפט מיט אמונה און חיזוק.

שבת קודש אינדערפרי איז פארגעקומען א שיער אינעם סידור פון מוהרא"ש "עת רצון", דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט וואס מוהרא"ש שרייבט איבער די "שירת הים" אז מען דארף עס זאגן מיט גרויס שמחה, און אז ווען משיח וועט קומען וועט מען נאר זינגען און לויבן און זיך פרייען.

און איבער דעם וואס מען דארף זיך דראפען מיט די שווערסטע נסיונות אבער מיר לאזן נישט אפ דעם אויבערשטן און די אמונה.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער אמונה, ווי חז"ל זאגן אז די אמונה אליינס איז געווען גענוג א זכות אז דער ים זאל זיך שפאלטן, זעט מען פון דעם איז וואס פאר א מצב א איד געפונט זיך נאר זאל ער זיך דראפען אין די אמונה וואס דאס וועט אים ראטעווען.

דער ראש ישיבה האט גדאווענט שחרית פארן עמוד לכבוד דעם יארצייט, נאכן דאווענען האט מען פארגעלערנט סיפורי מעשיות ביים קידוש די דריטע מעשה פונעם חיגר, אז מען האט אים גענומען צום פלאץ וואו "נאכט און טאג טרעפן זיך".

דער ראש ישיבה האט עס מסביר געווען אז דאס מיינט אז עס זאל נישט זיין קיין

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יואל הכהן רוזנבערג הי"ו**

**צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב**

**ר' יואל** איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די מוסדות בכלל, פאר'ן שטעטל בפרט, פאר'ן קרן הדפסה, פאר'ן בנין אין אומן, און פאר יעדע זאך פון היכל הקודש, שטענדיג איז ער גרייט ארויסצוהעלפן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס, זאל דער אייבערשטער העלפן אז די אלע גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק יונה זאבעל** הי"ו קרית יואל
צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **ליפא לעווי** הי"ו מאנסי
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסף הכהן פריעדמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

## קאנספיראציע

**די גאנצע זאך איז אונטערגעשטעלט! אבער ווער? דורך טשיינע? דורך תימן? דורך די רעגירונג?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,2,1,10,1,64**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090